אַפילו ווען מיר זענען געווען ביי אייך, האָבן מיר
אייך דאָס דאָזיקע באַפוילן, אַז ווער עס וויל נישט
11 אַרבעטן, דער זאָל אויך נישט עסן. וואָרום מיר הערן,
אַז אייניקע צווישן אייך פירן זיך אויף אומאָרנטלעך,
זיי אַרבעטן נישט, נאָר מישן זיך אין פרעמדע
12 עסקים. אַזעלכע אָבער באַפעלן מיר און וואָרענען
אינעם האַר ישוע המשיח, אַז זיי זאָלן אַרבעטן שטיל
13 און עסן זייער אייגן ברויט. איר אָבער, ברידער,
14 ווערט נישט מיד צו טון מעשים־טובים. און אויב
עמיצער איז נישט געהאָרכזאַם צו אונזער וואָרט
דורך דעם בריוו, זאָלט איר דעם דאָזיקן פאַרציי־
כענען, און זיך נישט מישן מיט אים, כדי ער זאָל
15 זיך שעמען. דאָך זאָלט איר אים נישט באַטראַכטן
ווי קיין שונא, נאָר שטראָפט אים ווי אַ ברודער.
16 און דער האַר פון שלום אַליין זאָל אייך תמיד
געבן שלום און בכל אופן. זאָל דער האַר זיין
מיט אייך אַלעמען.
17 דער גרוס פון מיר, פוילוס, מיט מיין אייגענער
האַנט, וואָס איז אַ סימן אין יעדן בריוו; אַזוי שרייב
18 איך. זאָל דער חסד פון אונזער האַר ישוע המשיח
זיין מיט אייך אַלעמען!